# סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוָון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

## פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל

תשפ"ד

338

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


אִיז מַיין תְּשׁוּבָה אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן? .................... א
וִוי אַזוֹי קְרִיכְט מֶען אַרוֹיס פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע? .................... ב


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אַ פְּרוֹי מִיט אַ נִישְׁט גוּטֶע טֶעלֶעפָאן אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג .................... א
נָאךְ אַייעֶר חֲתוּנָה זָאלְט אִיר וַוייטֶער זָאגְן תְּהִלִּים .................... א
אַוֶועקְלֵייגְן גֶעלְט .................... ב
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין טָעוּתִים .................... ב
וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער .................... ג
בַּארוּאִיגְן אוּן אוֹיסְלֶעשְׁן דִי פַּארְוֵייטָאגְטֶע שְׁמוּעֶסְן .................... ד
קוּם הֶעלְפְן אִין בֵּית הַדְּפוּס .................... ה
לֶעבְן אִין שְׁטוּב בְּאַהֲבָה אַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת .................... ה
דִי עִיקָר תְּשׁוּבָה, זַיין בְּשִׂמְחָה אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע .................... ו
טוּן אַ חֶסֶד מִיט דִי מְלַמְּדִים .................... ו
נִישְׁט עֶפֶענֶען מַצָּה בֶּעקֶערֵיי, צוּ קֶענֶען צָאלְן דִי מְלַמְּדִים .................... ז
הָאסְט אַ גֶעפִּיל אִין יֶעדֶע זַאךְ דָא בַּיים רֶבִּי'ן .................... ח
נִישְׁט זַיין פוּן דִי מְשׁוּגֶע'נֶע צַדִּיקִים .................... ח
אַ גַאנְצֶע שַׁ"ס אִיז בִּילִיגֶער צוּ קוֹיפְן וִוי אַ טֶעלֶעפָאן .................... י
פַארְוָואס הָאט דִי כַּלָּה זִיךְ צֶעבְּרָאכְן דִי פוּס פַאר דִי חֲתוּנָה? .................... יא
וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט טַאנְצְן בַּיי דִי אֵייגֶענֶע חֲתוּנָה .................... יג

וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען זִיךְ אוֹיס צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.................................יד
דַיין וַוייבּ וַואוּרְט פַּאר דַיין גוּט וָוארְט.................................טו
גֶענוּג זִיךְ גֶעפַּיינִיגְט, הוֹיבְּט אָן הַאלְטְן פוּן זִיךְ.................................טו
רֶעדְן מִיט אַן אֵיידֶעלֶע שְׁפְּרַאךְ.................................טז
מִיט תְּפִלָּה אוּן עַקְשָׁנוּת, בְּרֶעכְט מֶען דוּרְךְ דִי וָואלְקֶענֶעס.................................יז
וֶוען מֶען דַארְף אַ גְרוֹיסֶע נֵס אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן.................................יח
דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט.................................יח
שְׁוַוייג אָפּ, עֶנְטְפֶער נִישְׁט.................................יט
דַארְפְסְט אַ יְשׁוּעָה, גֶעבּ צְדָקָה צוּ דְרוּקְן סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל".................................כ
אַ סְגוּלָּה בָּדוּק וּמְנוּסֶּה צוּ הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז.................................כ
זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן, אוֹיסְקְרֶעכְצְן, מִתְוַדֶּה זַיין, צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.................................כא
אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן מַצָּה בֶּעקֶערַיי וואוּ מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה רַחֲמָנָא לִיצְלָן.................................כא
וָואס נָאךְ קֶענֶען מִיר טוּן אַז דִי יְשׁוּעָה זָאל קוּמֶען?.................................כב
דֶער קָאנְקוּרֶענְט נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק דַיין גֶעלְט.................................כג
גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט אַ סִידוּר.................................כג
הֶעלְפְן אַ מַאמֶע, אוּן זִי וֶועט קֶענֶען הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע.................................כד
לֶערְנְט נִישְׁט מִיט אַ כַּלָּה, נָאר אוֹיבּ דִי מַאמֶע בֶּעט עֶס.................................כד
שְׂכַר לִימּוּד אַז מֶען צָאלְט, זֶעט מֶען בַּיי דִי קִינְדֶער נַחַת.................................כה
אוֹיף פָאראוֹיס אִיז שְׁוַוארְץ, אוֹיף צוּרִיק קֶען מֶען זֶען.................................כו
חַס וְשָׁלוֹם צוּ גֵיין צוּ דִי קַאנְצֶערְט בְּתַעֲרוּבוֹת.................................כז
פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף דִיךְ אַלֵיין?.................................כח
אַז מֶען קוּמְט צַייטְלִיךְ, אִיז דֶער גַאנְצֶער טָאג גוּט.................................כח
קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, לֶערְן נָאר וִויפִיל דוּ קֶענְסְט.................................כט
עֶנְדֶערְשׁ מַאכְן דִי הַאטְלֵיין וִוי לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים.................................ל

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**אִיז מַיין תְּשׁוּבָה אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן נִיגוּנִים וָואס זֶענֶען מִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק.

אִיךְ בִּין אַ כִּתָּה ח' אִינְגֶל, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין מְלַמֵד אַז דִי סִימָן צוּ ווִיסְן אַז מַיין תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז וֶוען מֶען שְׁפִּירְט נָאכְדֶעם פְרֵיילִיךְ. עֶס מַאכְט זִיךְ אָבֶּער אַסַאךְ מָאל בַּיי מִיר אַז אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה פִּינְקְטְלִיךְ לוֹיט דִי כְּלָלִים פוּן תְּשׁוּבָה, אִיךְ טוּ אַלֶע חֲלָקִים פוּן תְּשׁוּבָה, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר נָאכְאַלְץ נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, מֵיינְט דָאס אַז מַיין תְּשׁוּבָה אִיז נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ח אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אוּן נֶעמְט אָן דִי תְּשׁוּבָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא, פַּרְשָׁה מד): "גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה", תְּשׁוּבָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, "שֶׁכֵּיוָן שֶׁאָדָם מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט בַּיי זִיךְ 'אִיךְ גֵיי תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ גֵיי אָפְּלָאזְן מַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים', "מִיַּד הִיא עוֹלָה לֹא עַד עֲשָׂרָה יָמִים, וְלֹא עַד עֶשְׂרִים וְלֹא עַד מֵאָה, אֶלָּא עַד מַהֲלַךְ חֲמֵשׁ מֵאוֹת

שָׁנִים; וְלֹא עַד רָקִיעַ רִאשׁוֹן וְשֵׁנִי, אֶלָּא שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת לִפְנֵי כִּסֵּא הַכָּבוֹד", קוּמְט עֶר אָן אַזוֹי הוֹיךְ - בִּיזְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, עֶר קוּמְט אָן בִּיזְן כִּסֵּא הַכָּבוֹד.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַרַיינְנֶעמֶען אֱמוּנָה; ווִי מֶער מֶען חַזֶר'ט אֱמוּנָה, מֶען ווֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַלֶעס, אַלֶעס וָואס מֶען זֶעט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱלֹקוּת, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וָואס עֶס פַּאסִירְט אִיז נָאר פַּאר אוּנְזֶער טוֹבָה - דָאס מַאכְט מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קְרִיכְט מֶען אַרוֹיס פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶעם פְרַייטָאג הָאט מִיר אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁטַארְקֶע עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְזֶען דֶערְפוּן. דֶער מַצָּב אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְגֵיין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין גֶעהֶערִיג, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט אַבִּיסְל צַייט הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט רֶעדְן צוּ מַיין מַאמֶע אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, בִּיז מַמָּשׁ פַארְן זְמַן הָאבּ אִיךְ אַרוֹיסְגֶע'גַנְבֶ'ט מַמָּשׁ נָאר פִינְף מִינוּט, אִיךְ הָאבּ פְּשׁוּט גֶעוֵויינְט מִיט טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף מִיר אוּן מִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז שׁוֹין אִינְמִיטְן מִנְחָה הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער גֶעוֵוינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אַ גַאנְץ שַׁבָּת.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן דֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וָואס אִיז מִיךְ מְקָרֵב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעבְּט מִיר אַ וֶועג ווי אַזוֹי זִיךְ צוּצוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע צַייט אוּן אִין יֶעדֶע מַצָּב.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַזֶעלְכֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד, פַאר דֶעם אַלֵיינְס, צוּ וִויסְן וָואס צוּ טוּן וֶוען מֶען וֶוערְט בְּעַצְבוּת, ווִי אַזוֹי אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן דֶערְפוּן, דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיין זִיךְ אוֹיסְקְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז שׁוֹין כְּדַאי צוּ זַיין מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶס אִיז כְּדַאי גֶעוֶועזְן צוּ לַיידְן אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן, הִתְנַגְדוּת וְכוּ' - אַבִּי צוּ וִויסְן וָואס צוּ טוּן וֶוען מֶען וֶוערְט אִין אַ שְׁלֶעכְט גוּסְטֶע.**

**זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, מֶען דַארְף בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן זַיין אֶמֶת'דִיג פְרֵיילִיךְ, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אוּן דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ - דַארְף מֶען מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף "שִׂמְחָה", וַוייל אֵיינְמָאל מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - פַאלְט שׁוֹין אַוֶועק אַלֶע מִדּוֹת רָעוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת.**

**דָא הָאסְטוּ אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה:**

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים אוּן אָדֶערְן זָאלְן שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה, אִיךְ זָאל זִיךְ אַזוֹי פְרֵייעֶן מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי' אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן אַז אִיךְ טוּ דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת - אַז אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה.**

**אָנָּא, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר, נֶעם מִיךְ**

אַרוֹיס פוּן מַיין דֶעפְּרֶעסְיֶע, אִיךְ בִּין אִין אַזַא עַצְבוּת, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל זֶען נָאר דִיר, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן נָאר דִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַּארְגֶעסְן אַז אַלֶעס אַלֶעס בִּיסְטוּ, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער דִיר; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס בִּיסְטוּ, אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְץ.

זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת, רֵיינִיג מִיךְ אִיךְ זָאל זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג, אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט וֶועלְן נָאר זַיין שְׁטֶענְדִיג מִיט דִיר, טְרַאכְטְן פוּן דִיר אוּן רֶעדְן צוּ דִיר, אוּן זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אַ פְרוֹי מִיט אַ נִישְׁט גוּטֶע טֶעלֶעפָאן אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבָבִי״ם, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אַייךְ, אִיר ווִילְט דָאךְ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיר ווִילְט דָאךְ הֵיילִיגֶע קִינְדֶער; זָאלְט אִיר נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאן.

אַ פְרוֹי מִיט אַ נִישְׁט גוּטֶע טֶעלֶעפָאן אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג, מֶען פַארְלִירְט דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב צֶעפַאלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נָאךְ אַייעֶר חֲתוּנָה זָאלְט אִיר וַוייטֶער זָאגְן תְּהִלִּים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

יֶעצְט נָאךְ אַייעֶר חֲתוּנָה זָאלְט אִיר וַוייטֶער זָאגְן תְּהִלִּים, זִינְגְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, אוּן בֶּעטְס פַאר עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע דוֹרוֹת.

פוּן אַייעֶר רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### אַוֶועקְלֵייגְן גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי"ם, ד׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ אַוֶועקְלֵייגְן גֶעלְט וְכוּ׳; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַוֶועקְצוּלֵייגְן גֶעלְט. קוּק אַרַיין אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן (סִימָן תקמז), דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט מוּסָר זָאגְן, אוּן אֲפִילוּ פַּארְשֶׁעמֶען - דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן פַארְלוֹירְן גֶעלְט, אוּן נִישְׁט גֶעהִיטְן דָאס גֶעלְט.

לֵייג אַוֶועק דַיין גֶעלְט, לְדַעְתִּי זָאל דָאס נִישְׁט זַיין בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן, עֶלְטֶערְן דַארְפְן נִישְׁט וִויסְן דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן גֶעלְט, אוֹיךְ נִישְׁט דִי שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט וִויסְן וִויפִיל גֶעלְט מֶען לֵייגְט זִיךְ אַוֶועק, עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען נָאר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע זַאכְן, אָבֶער נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן מִיט דִי גֶעלְט.

לֶערְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, זָאג דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין, אוֹיךְ לֶערְן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא.

...

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קֵיין טָעוּתִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי"ם, ד׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער זִיסֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיבְן אִין הִימְל קוּקְט מֶען אַנְדֶערְשׁ אוֹיף אוּנְז, אוֹיבְן קוּקְט מֶען נִישְׁט וֶוער עֶס הָאט גֶעלְט, וֶוער עֶס הָאט אַ פַּאלַאץ, אַ טֵייעֶרֶע קַאר, אוֹיבְן אִין הִימְל קוּקְט מֶען אוֹיף אֵיין זַאךְ, מֶען קוּקְט אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוֹיבּ מֶען בְּלַייבְּט מִיט אֱמוּנָה.

מִיט דֶעם מֶעסְט זִיךְ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד, אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, עֶר

וַוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קֵיין טָעוּתִים, נִישְׁטָא קֵיין טָעוּת, אַלֶעס אִיז בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט, אַלֶעס אִיז חֲסָדִים.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה. וואוֹינְסְט אִין דִי גְּלִילוֹת פוּן קִרְיַת יוֹאֵל, זַיי נִישְׁט קֵיין בַּטְלָן, כַאפּ זִיךְ אַרוֹיף צוּם צִיּוּן הַמְּצֻיֶּנֶת, קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן סַאטְמֶער; זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּענְקְט זִיךְ צוּ דִיר.

...

### וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי״ם, ד׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶע לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער וְכוּ׳ וְכוּ׳. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט אַז אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט דִי זַאךְ, אַז מֶען אִיז זֵיי מְרַחֵק, מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט, אוּן אוֹיבּ וָואלְטְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט אַלֶע כֹּחוֹת - וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן צַדִיקִים. זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה, גֵיי אִין פֶעלְד, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּ אִים, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ רֶעדְן מִיט דִיר, אִיךְ וִויל זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן אִין שְׁטֶעטְל מִיט עֶפֶּעס גָאר ווִיכְטִיג, אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

**בַּארוּאִיגְן אוּן אוֹיסְלֶעשְׁן דִי פַּארְוֵויטָאגְטֶע שְׁמוּעֶסְן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי"ם, ד' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד**

**לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶע ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאֲרְן אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזַא בַּאקְוֶועמֶע גֶעשְׁמַאקֶע גְרָאסֶערִי פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַאר אַ גַאנְץ יָאר, דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל אִיז זִיךְ זַייעֶר מְחַיֶּה אוּן יֶעדֶער דַאוֶוענְט פַאר דַיין הַצְלָחָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט דַן זַיין לְכַף זְכוּת אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אֲפִילוּ דִי וָואס קוֹיפְן נִישְׁט אַיין בַּיי דִיר אוּן זֵיי קוּמֶען נָאר מִיט טַעֲנוֹת; דָאס פֶּעלְט, אוּן דָאס דַארְף עֶר בִּילִיגֶער; זַיי דַן לְכַף זְכוּת אַלֶעמֶען, קֵיינֶער וִויל נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶס אִיז דָא וָואס הָאבְּן עֲנִיּוּת וְדַחְקוּת אוּן זֵיי הַאלְטְן שׁוֹין בַּיי מַעֲבִירִין דַעְתּוֹ שֶׁל אָדָם.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דוּ וֶועסְט קֵיינֶעם נִישְׁט וֵויי טוּן אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם פַארְשֶׁעמֶען, וְסוֹף הַכָּבוֹד לָבוֹא. גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפַּאצִיר אִין דִי גֶעשֶׁעפְט מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, גֵיי אַרוּם צְוִוישְׁן דִי אֵיילְס אוּן זִינְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְק אוּן לוֹיבּ אִים, אוּן טוּ קֵיינֶעם נִישְׁט וֵויי.

זַיי דוּ דֶער וָואס בַּארוּאִיגְט אוּן רֶעדְט שַׁיין צוּ יֶעדֶעם, אוּן אַז עֶס וֶוערְט אַ שְׁמוּעֶס פוּן וֵוייטָאג, דֶער אִיז פַארְוֵוייטָאגְט אַז מֶען נֶעמְט אִים נִישְׁט צוּ שַׁארְן דִי שְׁנֵיי, אוּן אַ צְוֵוייטֶער עֶסְט זִיךְ אַז מֶען קוֹיפְט נִישְׁט דִי פִישׁ בַּיי אִים - זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין דֶער וָואס גִיסְט אוֹיל אוּן זָאגְן 'אוּן עֶר קוֹיפְט נִישְׁט בַּיי מִיר וְכוּ'', נָאר דוּ גִיס וַואסֶער, לֶעשׁ אוֹיס אַלֶע שְׁמוּעֶסְן וִוי מֶען בַּארֶעדְט מֶענְטְשְׁן.

...

## קוּם הֶעלְפְן אִין בֵּית הַדְּפוּס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי״ם, ד׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִּי טֶעג וָואס דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין בֵּית הַדְּפוּס הֶעלְפְן בְּהִתְנַדְּבוּת, דְרוּקְן אוּן פַּאקְן פֶּעקְלֶעךְ פוּן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים. גֵיי נִישְׁט לֵיידִיג, אוּן חַס וְשָׁלוֹם גֵיי נִישְׁט צוּ דִי הָרֵי חוֹשֶׁךְ, קוּם אִין אוּנְזֶער בֵּית הַדְּפוּס עוֹסֵק זַיין בְּתִקּוּן הָעוֹלָם, הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין מְזַכֶּה זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל מִיט דִי עֵצוֹת אוּן וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

הָאבּ סַבְלָנוּת צוּ דַיינֶע קִינְדֶער, שְׁלָאגְן אִיז אָסוּר אוּן שְׁרֵייעֶן הֶעלְפְט נִישְׁט, מֶען דַארְף זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיט סַבְלָנוּת אוּן שְׁטַארְקְקֵייט.

...

## לֶעבְן אִין שְׁטוּבּ בְּאַהֲבָה אַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי״ם, ד׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶע ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶס אִיז אַ מְחַיֶּ׳ צְוִוישְׁן עֶנְק, עֶס אִיז צוּרִיק דָא שָׁלוֹם, מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ, מֶען לֶעבְּט מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר, אִיךְ בַּאקוּם פְרִישֶׁע כֹּחוֹת יֶעדֶע מָאל אִיךְ הֶער אַז מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, טוּ אַלֶעס עֶס זָאל אַזוֹי בְּלַייבְּן; מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, מֶען זָאל רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן.

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז תִּיקּוּן הַבְּרִית; אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דִי וַוייבּ בְּאַהֲבָה אַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת - אִיז מֶען אַלֶעס מְתַקֵּן.

אוֹיךְ שִׂמְחָה אִיז סְלִיחָה וְכַפָּרָה.

...

## דִי עִיקָר תְּשׁוּבָה, זַיין בְּשִׂמְחָה אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי״ם, ד׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶע לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ צוּ טוּן פַאר תְּשׁוּבָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מוֹחֵל זַיין דִי עֲבֵירוֹת - אִיז זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, אַ בַּעַל עֲבֵירָה, זַיין עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז, עֶר זָאל זַיין נָאר בְּשִׂמְחָה אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן בִּפְרַט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, ווייל שִׂמְחָה הֵיילְט אוֹיס, שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט סְלִיחָה וְכַפָּרָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, דִי דְרֵיי לִימוּדִים זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִיר צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעבָּארְגְט, עַל כָּל פָּנִים נִישְׁט נָאכְן זְמַן הַפֵּרָעוֹן.

...

## טוּן אַ חֶסֶד מִיט דִי מְלַמְדִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי״ם, י״ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אַיינְוואוֹינֶער, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע; מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס - קְיוּפַּאנְס וָואס רוּפְט זִיךְ ׳מָן׳, אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן בִּיזְנֶעסֶער נֶעמֶען דָאס, אוּן דִי מוֹסָד נֶעמְט דָאס אוֹיךְ; לְמָשָׁל אוֹיבּ אֵיינֶער דַארְף צָאלְן שְׂכַר לִימוּד הוּנְדֶערְט דָאלֶער, אָדֶער פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער - קֶען עֶר נוּצְן דִי קְיוּפַּאנְס.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, אַז דוּ גֵייסְט אַיינְקוֹיפְן אִין גְרָאסֶערִי בַּיי מֹשֶׁה יְחִיאֵל, אָדֶער פִישׁ בַּיי יִצְחָק אַהֲרֹן - קֶענְסְטוּ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע חֶסֶד, אוֹיפְטוֹישְׁן אוּן נֶעמֶען פוּנֶעם מְלַמֵּד דִי ׳מָן׳; אַזוֹי אִיז זֶה נֶהֱנֶה וְזֶה לֹא חָסֵר. אַזוֹי אוֹיךְ,

אַז דוּ גֵייסְט קוֹיפְן סְפָרִים בַּיי לֵייבִּי, שִׁיךְ בַּיי יוֹאֵלִי אָדֶער טְשָׁאלֶענְט אוּן קוּגְל בַּיי הֶענִיךְ - קֶענְסְטוּ אוֹיפְטוּישְׁן אוּן מַאכְן אַ טוֹבָה, אַ חֶסֶד.

פַאר אַלֶע פְּרַאגֶעס קֶען מֶען זִיךְ וֶוענְדְן צוּ רְפָאֵל אוּנְזֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶער אַדְמִינִיסְטְרַאטָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁט עֶפֶּענֶען מַצָּה בֶּעקֶערֵיי, צוּ קֶענֶען צָאלְן דִי מְלַמְּדִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי"ם, י"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין אַרְבֶּעט, אִיךְ בַּאקוּם אוֹיסְנַאם גְרִיסְן פוּן דִי טַאטֶעס אוּן פוּן מָרְדְּכַי מְנַהֵל.

דוּ וֵוייסְט ווִי שְׁטַארְק אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיפְהַאלְטְן דִי מוֹסָד, אִיךְ עֶפְן נִישְׁט דִי מַצָּה בֶּעקֶערֵיי דִי יָאר נָאר אַז דִי מְלַמְּדִים זָאלְן בַּאקוּמֶען זֵייעֶר גֶעהַאלְט. אִין אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ וָואלְט אַזוֹינְס נִישְׁט פַּאסִירְט, עֶס אִיז אַ בּוּשָׁה אַז זַאכְן אַרְבֶּעטְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיס, מִיר אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט וָואס דֶער זָאגְט, וָואס יֶענֶער זָאגְט, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג; אַז דִי מַצָּה בֶּעקֶערֵיי אִיז אַ לָאךְ פַאר דִי מוֹסָד - וֶועל אִיךְ דִי יָאר עֶסְן מַצּוֹת פוּן אַנְדֶערֶע קְהִלּוֹת אוּן עֶנְדֶערְשׁ בַּאצָאלְן אִין צַייט דִי מְלַמְּדִים.

מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע שׁוּל אִין שְׁטֶעטְל פַאר אַ מִנְיָנִים צֶענְטֶער, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעלֵייגְט אִין דִי זַייט נָאר אַז מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְּדִים צֵייטְלִיךְ, וַוייל דָאס אִיז רִיכְטִיג אוּן דָאס אִיז וִויכְטִיג.

יֶעצְט הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט אַז מֶען גֶעבְּט דִי מְלַמְּדִים, צֶעטְלֶעךְ - 'מָן'; מִיר מַאכְן דָאס וַוייל מִיר ווִילְן הֶעלְפְן דִי מְלַמְּדִים זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן. אִיךְ הָאף עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, אוּן אַז עֶס וֶועט זַיין צוּ שְׁוֶוער - וֶועלְן מִיר אוֹיסְאַרְבֶּעטְן בֶּעסֶערֶע וֶועגְן, אַלֶעס נָאר כְּדַאי דִי מְלַמְּדִים זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן וד"ל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### הָאסְט אַ גֶעפִּיל אִין יֶעדֶע זַאךְ דָא בַּיים רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבְבִי״ם, י״ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין זְכוּת פוּן גֶעבְּן צְדָקָה פַאְרן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, יְשִׁיבָה, תַּלְמוּד תּוֹרָה, כּוֹלֵל - אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אִיךְ זֶע דוּ הָאסְט אַ גֶעפִּיל אִין יֶעדֶע זַאךְ דָא בַּיים רֶבִּי׳ן; גֶעוֶוענְלִיךְ אֵיינֶער הָאט אַ גֶעפִּיל פַאר הַדְפָּסָה, אַ צְוֵוייטֶער פַאר דִי רֶענְט, אַ דְרִיטֶער פַאר דִי מוֹסָד, פַאְרן בֵּית הַתַּבְשִׁיל, כּוֹלֵל וְכוּ׳; בַּיי דִיר אִיז אַלֶעס ווִיכְטִיג, דוּ הָאסְט שֵׂכֶל, דוּ בִּיסְט קְלוּג, דוּ לֵייגְסְט זִיךְ אַוֶועק פַאר יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט יֶעדְן טָאג גֵיין פַאר דְרֵיי מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת, נֶעם אַ זֵייגֶער אוּן גֵיי אִין אַ ווִינקְל, הוֹיבּ אָן מִיט דַאנְקֶען; זָאג פַאר אֵיין מִינוּט שְׁכֹּחַ פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעכְן אוֹיס גוּטְס וָואס דוּ הָאסְט. צְוֵויי, בֶּעט אִיבֶּער אוֹיף זַאכְן וָואס דוּ דַארְפְסְט תְּשׁוּבָה טוּן. דְרֵיי, בֶּעט פַאר דִיר, דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַלֶע זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין, אַלֶע זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ.

בְּרוּדֶער, מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דָאס לֶעבְּן אַ שְׁטִיק גַן עֵדֶן.

...

### נִישְׁט זַיין פוּן דִי מְשׁוּגֶע׳נֶע צַדִיקִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ז אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, מֶען הָאט זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי זִיסֶע קְוָואל וַואסֶער וָואס פְלִיסְט פוּנֶעם נַ׳חַל נ׳בֵעַ מְ׳קוֹר חָ׳כְמָה.

אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוֶוענֶען פִירְט מֶען זִיךְ בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ לֶערְנֶען סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, מֶען מַאכְט קִידוּשׁ אוּן מֶען לֶערְנְט דִי מַעֲשִׂיוֹת וָואס דֶער

רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט. מִיר הַאלְטְן יֶעצְט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵּר (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג), וִוי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט דִי שְׁטוֹיבּ פוּן דִי צַדִּיקִים, אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט דִי שְׁטוֹיבּ פוּן מְשׁוּגָעִים אוּן דִי אַלֶע גַּזְלָנִים זֶענֶען גֶעוָוארְן מְשׁוּגֶע׳נֶע צַדִּיקִים, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן, מֶען טְרֶעט אוֹיף דִי שְׁטוֹיבּ פוּן צַדִּיקִים, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי טֶעג אוּן יָארְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, דַארְף מֶען אָבֶּער זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְרֶעטְן אוֹיף דִי שְׁטוֹיבּ פוּן דִי מְשׁוּגָעִים, פוּן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע, פוּן זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת בַּיי אַנְדֶערֶע.

דָאס אִיז אוֹיךְ אִין שְׁטוֹיבּ, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, וַוארְפְן דִי שׁוּלְד אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן, דִי אַלֶע וָואס לֵייגְן דִי שׁוּלְד אוֹיפְן צְוֵוייטְן - דִי זֶענֶען מְשׁוּגֶע׳נֶע צַדִּיקִים; אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוּן זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת, אוֹיבּ אָבֶּער מֶען וַוארְפְט אַלְץ דִי שׁוּלְד אוֹיפְן צְוֵוייטְן - אִיז מֶען אַ מְשׁוּגֶע׳נֶער צַדִּיק.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעֻדּוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תּוֹרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה לז, ד): "כְּשֶׁאָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמֹשֶׁה 'וְאַתָּה הַקְרֵב אֵלֶיךָ'", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נֶעם אַהֲרֹן אוּן מַאךְ אִים פַאר כֹּהֵן גָּדוֹל, "הֵרַע לוֹ", אִיז שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פַארְוָואס נִישְׁט עֶר זָאל וֶוערְן כֹּהֵן גָּדוֹל, "אָמַר לוֹ", הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "תּוֹרָה הָיְתָה לִי וּנְתַתִּיהָ לְךָ, שֶׁאִלּוּלֵי הִיא אִבַּדְתִּי עוֹלָמִי", דִי תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען מַיינְס אוּן אִיךְ הָאבּ דִיר עֶס גֶעגֶעבְּן; אַלֶע פְרֶעגְן, וִוי קֶען זַיין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אוּן וָואס אִיז דֶער עֶנְטְפֶער וֶועגְן דִי תּוֹרָה?

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, אַז דָאס מֵיינְט מֶען אוּנְז, מִיר זֶענֶען פוּל מִיט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, וֶוען מִיר זֶעעֶן אַז מֶען גֶעבְּט כָּבוֹד פַאר אַ בְּרוּדֶער, פַאר אַ שְׁוָואגֶער, מֶען מַאכְט אַ גְרֶעסֶערֶע עֵסֶק פוּן אַ צְוֵוייטְן - וֶוערְט אוּנְז שְׁלֶעכְט, מֶען בַּאקוּמְט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת; זָאגְט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז דָא אַן עֵצָה, אִיךְ הָאבּ עֶנְק גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען

אוּיסְגֶעהֵיילְט, אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה גֵייט אַוֶועק דִי אַלֶע חֲלִישׁוּת הַדַּעַת. דָאס זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ: "וְאַתָּה הַקְרֵב אֵלֶיךָ" (שְׁמוֹת כח, א), דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קיט, צב): "לוּלֵי תוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי אָז אָבַדְתִּי בְעָנְיִי", דִי תּוֹרָה רַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע חֲלִישׁוּת הַדַּעַת.

מִיר גֵייעֶן דִי וָואךְ עֶנְדִיגֶן מַסֶכֶת בָּבָא קַמָּא, אוּן מִיר הוֹיבְּן אָן מַסֶכֶת בָּבָא מְצִיעָא, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע רְפוּאָה פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. הַיינְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען רֶעדְט פוּן 'זִיךְ הֵיילְן דֶעם נֶפֶשׁ', יֶעדֶער צְוֵוייטֶער אִיז עוֹסֵק אִין 'זִיךְ הֵיילְן דֶעם נֶפֶשׁ', דִי בֶּעסְטֶע הֵיילוּנְג אִיז לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, ח): "רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶּךָ וְשִׁקּוּי לְעַצְמוֹתֶיךָ", זָאלְסְטוּ זִיךְ יֶעצְט אַוֶועק זֶעצְן אוּן לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, וֶועלְן אַוֶועק גֵיין אַלֶע חֲלִישׁוּת הַדַּעַת.

עֶס אִיז נָאךְ דָא אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן פוּן אֵיין שַׁבָּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אָבֶּער אִיךְ יָאג זִיךְ, אִיךְ דַארְף גֵיין הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ גַאנְצֶע שַׁ"ס אִיז בִּילִיגֶער צוּ קוֹיפְן וִוי אַ טֶעלֶעפָאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ עֶנְדִיגְט מֶען מַסֶכֶת בָּבָא קַמָּא, מִיר וֶועלְן מַאכְן אַ סִיּוּם אִין יְשִׁיבָה דֶעם לֵיל שִׁשִּׁי. אִיךְ ווִיל זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן דַיין טִיפֶע שְׁלָאף אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן, אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען גְמָרָא, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אָן לֶערְנֶען אִיז מֶען אַ טוֹיטֶער, אָן לֶערְנֶען גְמָרָא אִיז מֶען אִין אַ חָלוֹם, אִין אַ דִמְיוֹן, אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ, אַ שָׁאד פַאר יֶעדְן טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט נִישְׁט; כַאפּ זִיךְ מִיט, טַאנְץ אַרַיין אִין בַּאן, אוּן לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

הַיינְט אִיז דָא הֶערְלִיכֶע גְמָרוֹת, אֲפִילוּ דֶער וָואס קֶען נִישְׁט לֵיינֶען אָן נְקוּדוֹת אִיז דָא הַיינְט דִי גְמָרָא פוּן 'עוֹז וְהָדָר' הֶערְלִיךְ שֵׁיין, עֶס אִיז דָא צוּ בַּאקוּמֶען בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל אִין דִי סְפָרִים גֶעשֶׁעפְט, קֶענְסְט קוֹיפְן אַ גַאנְצֶע שַׁ"ס (עֶס קָאסְט נִישְׁט טֵייעֶר, אַ גַאנְצֶע שַׁ"ס אִיז בִּילִיגֶער צוּ קוֹיפְן וִוי אַ טֶעלֶעפָאן), אָדֶער קֶענְסְטוּ קוֹיפְן יֶעדֶע אֵיינְצְלְנֶע מַסֶכְתָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פַארְוָואס הָאט דִי כַּלָה זִיךְ צֶעבְּרָאכְן דִי פוּס פַאר דִי חֲתוּנָה?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן גֵיי צוּ דִי שִׂמְחָה מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה; אַז דַיין טָאכְטֶער דִי כַּלָה הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן דִי פוּס זָאלְסְטוּ נָאכְאַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס, מֶען דַארְף גְלֵייבְן אִין דֶעם.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (נִדָּה לא.): "שְׁנֵי בְּנֵי אָדָם שֶׁיָּצְאוּ לִסְחוֹרָה", צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְן אַיינְגֶעקוֹיפְט סְחוֹרָה דָאס צוּ פַארְקוֹיפְן אִין אַ צְוֵוייטֶע מְדִינָה, "יָשַׁב לוֹ קוֹץ לְאַחַד מֵהֶן", גֵייעֶנְדִיג צוּם שִׁיף הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן זֵיי צֶעבְּרָאכְן דִי פִיס אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין צוּם שִׁיף, דִי שִׁיף אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן מִיטְן אַנְדֶערְן שׁוּתָּף, מִיטְנֶעמֶענְדִיג אַלֶע סְחוֹרָה, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ מִיטְן צֶעבְּרָאכֶענֶעם פוּס אִיז אוּנְטֶערְגֶעבְּלִיבְן, "הִתְחִיל מְחָרֵף וּמְגַדֵּף", הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אָנְגֶעהוֹיבְן רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "לְיָמִים שָׁמַע שֶׁטָּבְעָה סְפִינָתוֹ שֶׁל חֲבֵירוֹ בַּיָּם הִתְחִיל מוֹדֶה וּמְשַׁבֵּחַ", נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז דִי שִׁיף אִיז אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין וַואסֶער מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן מִיט דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (יְשַׁעְיָה יב, א): "אוֹדְךָ ה' כִּי אָנַפְתָּ בִּי", אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט גֶעצֶערְנְט אוֹיף מִיר אוּן מִיר צֶעבְּרָאכְן מַיין פִיס,

"יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְ'נַחֲמֵנִ'י", וַוייל אַזוֹי בִּין אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן וֶוערְן דֶערְטְרָאנְקֶען; אִין דֶעם פָּסוּק אִיז מְרוּמָּז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אִים, אֲפִילוּ וָואס עֶס זֶעט אוֹיס ווִי שְׁלֶעכְטְס.

רוֹב מַעֲשִׂיּוֹת עֶנְדִיגְן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי, רוֹב מַעֲשִׂיּוֹת עֶנְדִיגְן זִיךְ אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל הֶערְן אַז דֶער שִׁיף אִיז אַיינְגֶעזִינְקֶען, מֶען בְּלַייבְּט מִיט דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע פִּיס, מֶען בְּלַייבְּט מִיטְן פַארְשְׁפֶּעטִיגְן דִי שִׁיף; טַאקֶע דֶערְפַּאר זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן צֶעבְּרָאכְן, זֵיי פַארלִירְן דִי אֱמוּנָה, זֵיי הָאבְּן קַשְׁיוֹת, אָבֶּער אַז מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מֶען ווֵייסְט נִישְׁט דֶעם אוֹיסְפִיר, פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן דִי פִּיס, מֶען ווֵייסְט נִישְׁט פַארְוָואס מֶען הָאט פַארְשְׁפֶּעטִיגְט דִי שִׁיף, פַארְוָואס מֶען הָאט פַארְלוֹירְן דִי גֶעשֶׁעפְטְן; מֶען בְּלַייבְּט גֶעטְרֵיי.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז גֶעוֶועןְ אַ אִיד וָואס הָאט גֶעדַארְפְט כַאפְּן אַ פְלִיגֶער צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין קִינְד, לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר פַארְפַּאסְט דִי פְלִיגֶער אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין בַּיי דִי חֲתֻנָּה, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים אַריינְלָאזְן אָבֶּער דִי מַאנְשַׁאפְט הָאבְּן גֶעזָאגְט מֶען לָאזְט מֶער נִישְׁט אַרַיין. דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט, דִי ווַייבּ הָאט גֶעוֵויינְט, אַלֶע הָאבְּן גֶעוֵוינְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּארוּאִיגְן, בִּיז עֶר טְרֶעפְט אַ אִיד, אוּן יֶענֶער פְרֶעגְט אִים: "וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי בְּעַצְבוּת?" דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט אִים ווִי עֶר הָאט גֶעדַארְפְט כַאפְּן אַ פְלִיגֶער אָנְצוּקוּמֶען צוּ זַיין קִינְדְ'ס חֲתוּנָה אוּן עֶר הָאט דָאס פַארְפַּאסְט מִיט אַפָּאר סֶעקוּנְדֶעס, פְרֶעגְט אִים דֶער אִיד: "אוֹיבּ וָואלְסְטוּ גֶעהֶערְט אַז דִי פְלִיגֶער הָאט גֶעקְרַאכְט אוּן אַלֶע פַּאסַאנְזְשִׁירְן זֶענֶען גֶע'הַרְגְ'עט גֶעוָוארְן, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן?" זָאגְט עֶר: "וָואס הֵייסְט וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן? אִיךְ וָואלְט גֶעטַאנְצְן אִין גַאס אוּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדַת הוֹדָאָה, אוּן אִיךְ וָואלְט דֶערְצֵיילְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דִי נִיסִים אוּן חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר, ווִי עֶר הָאט מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט"; זָאגְט אִים דֶער אִיד: "קוּמְט אוֹיס אַז

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף גֵיין הַרְגְ׳עֶנֶען אַ גַאנְצֶע פְלִיגֶער מִיט אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן אַז דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן נָאר דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ אִים דַאנְקֶען, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַאטֶעוֶועט יֶעדְן אֵיינֶעם אִיז דִיר נִישְׁט גוּט?!״

עֶס לִיגְט אִין דֶעם זֵייעֶר אַ טִיפֶע גֶעדַאנְק, מֶען דַארְף דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מֶען זֶעט נִישְׁט אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט.

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן דוּ וֶועסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין טָאכְטֶער, דוּ וֶועסְט טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דִי בֶּעטְלֶערְס וֶועלְן קוּמֶען צוּ דִיר אוֹיף דִי חֲתוּנָה, אוֹיךְ דֶער בֶּעטְלֶער אָן דִי פִּיס.

...

## וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט טַאנְצְן בַּיי דִי אֵייגֶענֶע חֲתוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ז אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ׳

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן אַייעֶר וֵוייטָאג, אַז אִיר הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן אַייעֶר פוּס, אִיר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען טַאנְצְן בַּיי אַייעֶר אֵייגֶענֶע חֲתוּנָה, אוּן אוֹיךְ דַארְפְט אִיר אַרִיבֶּערְגֵיין אַ סֶערְדְזְשֶׁערִי, עֶס טוּט זֵייעֶר וֵויי.

אָבֶּער טֵייעֶרֶע כַּלָּה ... תִּחְיֶ׳, שְׁטַארְקְט זִיךְ, זַייט פְרֵיילִיךְ, אֵיי וֶועט אִיר פְרֶעגְן, ווִי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ אִין אַזַא מַצָּב? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, אַז מֶען וֵוייסְט ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס׳; מִיט אֱמוּנָה, מִיט גְלֵייבְּן אַז עֶס אִיז נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה - מִיט דֶעם קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט, אַייעֶר חָתָן אִיז גֶעזוּנְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיסְהֵיילְן אַייעֶר פוּס, נָאךְ אַבִּיסְל הָאט אִיר צוּרִיק גֶעזוּנְטֶע פִּיס, זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

...

**ווי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען זִיךְ אוֹיס צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז עֶנְק לֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט, אַ פָּארְפָאלְק וָואס לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט - רוּעֶט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צְווִישְׁן זֵיי, אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת, יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת זֶענֶען דָא.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען קוּמְט פוּן אַ שְׁטוּבּ וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער מִיט לִיבְּשַׁאפְט, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה זִיךְ טוֹישְׁן צוּ קֶענֶען גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי גֶעפִילְן צוּם מַאן ?

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן, זִיךְ אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע גֶעפִילְן, זַיין וֵוייטָאג וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקֵייט זִיךְ צוּ קֶענֶען אָנְרוּפְן זַיינֶע זַאכְן, זִיךְ אַרוֹיסְגֶעבְּן זַיינֶע גֶעפִילְן. אַמָאל עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט 'יֶעצְט גֵיי אִיךְ רֶעדְן'; דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּן מֶרְחָץ זִיךְ בָּאדְן לִכְבוֹד שַׁבָּת, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן דִי שִׁיךְ אָנְצוּטוּן, אוּן דֶער רֶבִּי זֶעט אוּן פַארְשְׁטֵייט וָואס דָא גֵייט פָאר, אוּן עֶר זָאגְט דֶעם אִיד: "גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ קֶענֶען רֶעדְן מִיט מִיר".

דָאס אִיז דִי עֵצָה, צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן בִּיז מֶען אַרְבֶּעט אוֹיס דִי נַאטוּר.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי מַתָּנָה וָואס אִיר הָאט בַּאקוּמֶען, אַ מַאן אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; זֶעט עֶר זָאל בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, עֶר זָאל בְּלַייבְּן מִיט זַיין רֵיינְקֵייט, מִיט זַיין תְּמִימוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דַיין וַוייבּ וַוארְט פַּאר דַיין גוּט וָוארְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ, דַיין וַוייבּ וַוארְט פַּאר דַיין גוּט וָוארְט, זִי לֶעבְּט אוֹיף וֶוען דוּ קוּקְסְט אוֹיף אִיר אוּן דוּ גֶעבְּסְט אִיר דִי גֶעפִּיל מִיט דִי גוּט וָוארְט וְכוּ'.

אִיךְ בִּין זִיכֶער, אַז דוּ וֶועסְט גֶעדֶענְקֶען פוּן אִיר, דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט - וֶועט דִיר וֶוערְן גְרִינְגֶער מִיט פַּרְנָסָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִקַּר הַמָּמוֹן שֶׁל הָאָדָם בָּא לוֹ עַל יְדֵי בַּת זוּגוֹ", דִי פַּרְנָסָה קוּמְט בִּזְכוּת דִי וַוייבּ; אַז דוּ וֶועסְט גֶעדֶענְקֶען אִיר צוּ גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט - וֶועסְטוּ זֶען ווִי עֶס וֶועט דִיר גְרִינְגֶער וֶוערְן.

מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הוֹיבּ אָן דַיין טָאג מִיט אַ קְלֵיינֶע שְׁפַּאצִיר אוֹיפְן פֶעלְד אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ, מִיט תְּפִלּוֹת; הוֹיבּ אָן מִיט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן בְּעִיקָר אוֹיף שִׂמְחָה.

...

### גֶענוּג זִיךְ גֶעפַּיינִיגְט, הוֹיבְּט אָן הַאלְטְן פוּן זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְט, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צֶעקְלַאפְּן.

דִי אֵיין זַאךְ דַארְפְט אִיר פַארְרֶעכְטְן, זִיךְ אוֹיפְהֶערְן אַרָאפְּקְלַאפְּן, וַוייל אִין דֶעם אִיז אַלֶעס אָנְגֶעהָאנְגֶען; וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף זִיךְ אַז מֶען

אִיז נַארִישׁ אוּן שְׁלֶעכְט - קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אַ ווַייבּ, אָבֶּער אַז מֶען הַאלְט פוּן זִיךְ, מֶען הַאלְט אַז מֶען אִיז גוּט - נָאר דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ בְּרַחֲמִים, גֶענוּג גֶעלִיטְן, גֶענוּג זִיךְ גֶעפַּיינִיגְט אִין מֹחַ, פוּן יֶעצְט זָאלְט אִיר קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ, אוּן זִיךְ זָאגְן: 'אִיךְ בִּין גוּט, אִיךְ בִּין אַ צַדֵיקֶת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ'.

אִיר זָאגְט אִיר זֶענְט מְקַנֵא מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ', דִי שֵׁיינֶע שְׁטוּב וָואס זִי הָאט גֶעבּוֹיעְט מִיט אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל אוּן חָכְמָה; ווִיסְן זָאלְט אִיר, אֵיינֶע פוּן אִירֶע סוֹדוֹת אִיז אַז זִי הַאלְט פוּן זִיךְ, נָאר אַזוֹי הָאט זִי גֶעגֶעבְּן דִי גֶעפִיל פַאר אִירֶע קִינְדֶער, זֵיי אוֹיפְגֶעבּוֹיעְט אוּן אַלֶעס אַרוּם, נָאר ווַייל זִי הַאלְט פוּן זִיךְ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קכה), דָוִד הַמֶּלֶךְ, פוּן אֵיין זַייט גֶעפִינֶען מִיר זַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים אִיז אַ שְׁטִיק לֵב נִשְׁבָּר, אָבֶּער אוֹיךְ הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעהַאלְטְן פוּן זִיךְ, אוּן זִיךְ בַּארוּמְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פו, ב): "שָׁמְרָה נַפְשִׁי כִּי חָסִיד אָנִי", הִיט מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווַייל אִיךְ בִּין אַ חָסִיד; מֶען מוּז הַאלְטְן פוּן זִיךְ, טְרֶעפְן אִין זִיךְ גוּטֶע זַאכְן, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְטְרַייבְּט דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, נָאר אֵיין מָאל אַ טָאג, בִּשְׁעַת הִתְבּוֹדְדוּת - מֶעג מֶען זִיךְ אוֹיסְקְרֶעכְצְן אוּן אוֹיסְוֵויינֶען, אָבֶּער אַ גַאנְצְן טָאג דַארְף מֶען נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט.

...

### רֶעדְן מִיט אַן אֵיידֶעלֶע שְׁפְּרַאךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵיי אָן מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, פַארְפֶעל נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג

מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא וַהֲלָכָה, און סִפְרֵי רַבֵּינוּ; דִי לִימוּדִים זֶענֶען מְזַכֵּךְ וּמְטַהֵר דִי נֶפֶשׁ וּנְשָׁמָה.

זֶע צוּ הָאבְּן אַן אֵיידֶעלֶע שְׁפְּרַאךְ. אִיךְ וֵויים דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט נִיבוּל פֶּה חַס וְשָׁלוֹם, אָבֶּער אוֹיסֶער נִיבוּל פֶּה דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ ווִי עֶס פַּאסְט פַאר אַ בֶּן מֶלֶךְ, נִישְׁט אַ שְׁפְּרַאךְ וָואס דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה רֶעדְט.

גֵיי שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג זָאלְסְט בַּאקוּמֶען אַן אֵיידְלְקֵייט, וַוארְף אַוֶועק דִי גְרָאבֶּע פְּרָאסְטֶע וֶוערְטֶער, ווִי לְמָשָׁל 'שְׁטַארְבּ', 'פֵּגֶר', 'כַּאפּ אַרַיין אַ מִיתָה מְשׁוּנָה' וְכוּ'; עֶס פַּארְעֶקְלְט, עֶס מַאכְט בְּרֶעכְן. שְׁרֵיי: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אַן אֵיידֶעלֶע שְׁפְּרַאךְ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אֵיידְלְקֵייט".

דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וֶוערְט מֶען נֵיי גֶעבּוֹירְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ נֵייעֶם נֶפֶשׁ.

...

**מִיט תְּפִלָּה און עַקְשָׁנוּת, בְּרֶעכְט מֶען דוּרְךְ דִי וָואלְקֶענֶעס**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, ווִילְיַאמְסְבּוּרְג

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, אָדֶער אִין דַיין קַאר, אָפִּיס, אָדֶער שְׁפַּאצִיר אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ און שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט דָאס זַיין נִישְׁט גְרִינְג, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט, מֶען זֶעט נִישְׁט, און פוּן דִי פִילֶע עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן און פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן - וֶוערְט אַ וָואלְקְן וָואס פַארְדֶעקְט דִי אוֹיגְן פוּן זֶען און שְׁפִּירְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (אֵיכָה ג, מד): "סַכּוֹתָה בֶעָנָן לָךְ", אָבֶּער מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה, מִיט עַקְשָׁנוּת - בְּרֶעכְט מֶען אַלֶעס דוּרְךְ און מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען און שְׁפִּירְן.

מֶען קֶען זִיךְ דְרֵייעֶן אִין בְּרֶסְלֶב, און אַלֶע מֵיינֶען אַז פְּלוֹנִי אַלְמוֹנִי אִיז אַ

שְׁטַארְקֶער בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר, עֶר אִיז עֶכְט בְּרֶסְלֶב, אוּן דֶער הָאט גָארְנִישְׁט מִיט בְּרֶסְלֶב, וַוייל אָן טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, אָן לֶערְנֶען דִי סְפָרִים - אִיז אַלֶעס דִמְיוֹן.

...

## וֶוען מֶען דַארְף אַ גְרוֹיסֶע נֵס אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ח אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַארְפְסְט יֶעצְט אַ גְרוֹיסֶע נֵס אִין דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, וֶוען אַלֶע טֶעלֶעפֶענְטְס נֶעמֶען זִיךְ צַאם קֶעגְן דִיר. דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז, נֶעם אַרַיין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אִין דִי גֶעשֶׁעפְט; זָאלְסְט גֶעבְּן צְדָקָה, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַלֶעס אָפְּלָאזְן וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט צוּ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, גֵיי אִין שׁוּל, פַארְמַאךְ דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן רֶעד צוּם גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן.

אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן דַיין טֶעלֶעפָאן, דַיינֶע קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף אוּן מֶען קֶען זֵיי חַס וְשָׁלוֹם פַארְלִירְן מִיט אַ בְּלִינְק מִיט דִי אוֹיג.

...

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ח אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, צַאמְנֶעמֶען פַאר צְדָקָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט.): ״גָּדוֹל הַמְּעַשֶּׂה יוֹתֵר מִן הָעוֹשֶׂה״, גֵיין צַאמְנֶעמֶען פַאר צְדָקָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן גֶעבְּן פוּן דִי אֵייגֶענֶע; וַוייל עֶס קוּמְט אָן מִיט שְׁוֶוערִיקַייטְן, אוּן כַּמָּה פְּעָמִים הָאט מֶען מַתָּן שְׂכָרָהּ בְּצִדָּהּ - בִּזְיוֹנוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ, גֵיי נָאךְ גֶעלְט, נֶעם צַאם צְדָקָה פַארְן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ, מֶען קוּמְט אָפּ דִי גְרֶעסְטֶע גְזֵירוֹת, מֶען נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע

דִינִים. מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם צַדִּיקִים, אוֹיבּ חַס וְחָלִילָה מֶען הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת וָואס דִי עוֹנֶשׁ אִיז ד׳ מִיתוֹת בֵּית דִּין, דוּרְךְ תְּשׁוּבָה אוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז מֶען אַלֶעס מְתַקֵּן.

אַלֶע מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט אִיז מֶען זִיךְ מְתַקֵּן, אָבֶער דִי מִצְוָה פוּן צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה – שְׁפִּירְט מֶען וִוי עֶס פַאלְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ שְׁטִיקֶער בְּלָאטֶע וְכוּ׳.

...

**שְׁוַוייג אָפּ, עֶנְטְפֶער נִישְׁט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ח אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס טוּט אַזוֹי וֵויי וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, וִוי דַיין מִשְׁפָּחָה הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף דִיר, מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן אוּנְזֶער קְהִילָה, קְהִלַּת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; עֶס אִיז דִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, אוּן אוֹיךְ פַאר דַיין וַוייבּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁוַוייג אָפּ, עֶנְטְפֶער נִישְׁט, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פַאר דַיינֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם עֶנְטְפֶערְן, אָדֶער טַעְנָה׳ן, בְּלַייבּ שְׁטִיל, מַאךְ דִי תְּשׁוּבָה פוּן "יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ", מֶען זָאל אוֹיסְהֶערְן דִי פַארְשֶׁעמוּנְג, "יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אוּן בְּלַייבְּן שְׁטִיל, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ו), מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ (תְּהִלִּים לז, ז; גִּטִּין ז.): "וְהוּא יַפִּיל לְךָ חֲלָלִים", צוּ "וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי" (תְּהִלִּים קט, כב); צוּ תְּשׁוּבָה, צוּ זְבִיחַת הַיֵּצֶר הָרָע.

בְּרוּדֶער טַייעֶרֶער, עֶנְטְפֶער נִישְׁט, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס לִיבּ הָאבֶער, (שׁוֹפְטִים ה, לא; שַׁבָּת פח:): "וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ".

עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין.

...

**דַארְפְסְט אַ יְשׁוּעָה, גֶעבּ צְדָקָה צוּ דְרוּקְן סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל"**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ דַארְפְסְט דָאךְ אַ יְשׁוּעָה, דוּ וַוארְטְסְט שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה צוּ דְרוּקְן סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל"; מוֹהֲרַנַ"תְּ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, וֶוער עֶס וֶועט דַארְפְן אַ יְשׁוּעָה - זָאל דְרוּקְן זַיינֶע סְפָרִים, בִּפְרָט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" - וֶועט עֶר גְלַייךְ זֶען אַ יְשׁוּעָה.

...

**אַ סְגוּלָה בָּדוּק וּמְנוּסֶה צוּ הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

דוּ זוּכְסְט שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט צוּ קוֹיפְן אַ הוֹיז; וִויל אִיךְ דִיר דֶערְמַאנֶען דִי סְגוּלָה פוּן מוֹהֲרַנַ"תְּ, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בַּבְלִי, אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי, אוּן אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא. מוֹהֲרַנַ"תְּ זָאגְט, דִי דְרַייא לִימוּדִים אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת בַּיִ"ת; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דִי דְרַייא לִימוּדִים - בּוֹיט מֶען זִיךְ אַ בַּיִ"ת נִצְחִי, אוּן אוֹיךְ אִיז דָאס אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז דָא בָּזֶה הָעוֹלָם.

וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי וָוארְט יְרוּשַׁלְמִי, פוּן דִי וָוארְט תּוֹסֶפְתָּא; פַאר מִיר אִיז דָאס אוֹיךְ גֶעוֶוען פְרֶעמְדֶע וֶוערְטֶער אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן. בִּזְכוּת מוֹהֲרַנַ"תְּ זֶענֶען אַלֶע סְפָרִים גֶעוָוארְן אוֹיס פְרֶעמְד, אוֹיס פַארְשְׁטוּפְט; דוּרְךְ לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), פוּן לֶערְנֶען בְּלִי הֲבָנָה, דוּרְךְ גוֹרֵם זַיין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

פְּרוּבִּיר עֶס, דִי סְגוּלָה אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה.

...

### זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן, אוֹיסְקְרֶעכְצְן, מִתְוַדֶּה זַיין, צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ הֶערְן דִי הֶערְלִיכֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר, אַז מֶען זֶעט דִיךְ יֶעדְן טָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, בִּיסְט קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה, דוּ לֶערְנְסְט גְמָרָא וְהֲלָכָה, אוּן מִיט וֶועם? מִיט דַיין טַאטֶע נֵרוֹ יָאִיר; וָואס קֶען זַיין שֶׁענֶער פוּן דֶעם, פוּן לֶערְנֶען מִיט אַ טַאטֶע.

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין פַּאר פִינְף מִינוּט, בִּיז צֶען מִינוּט; זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְקְרֶעכְצְן, זִיךְ מִתְוַודֶּה זַיין, תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן בֶּעטְן פַּאר אַבִּיסְל נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טֵייעֶרְער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מִיר דַארְפְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר דַארְפְן טוּן דִי עֵצוֹת; וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס דֶער רֶבִּי וִויל אוּנְז צוּבְרֶענְגֶען.

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע סִיוּמִים פוּן גְמָרָא וּמִשְׁנָיוֹת.

...

### אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן מַצָּה בֶּעקֶערַיי וואו מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה רַחֲמָנָא לִיצְלָן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ בִּיסְט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן דִי אַרְבֶּעט צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה רַחֲמָנָא לִצְלָן, גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, מֶען בַּאקְט דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה אוּן מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה בַּיים וֶועלְגֶערְן, בַּיים רֶעדְלֶען דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה. אַ וואוּנְדֶער אַז קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, מֶען פַּארְקוֹיפְט דִי מַצּוֹת אַלְס "מַצָּה שְׁמוּרָה". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: "מַצָּה שְׁמוּרָה אִיז שְׁמִירַת הַבְּרִית, שְׁמִירַת הַמֹּחַ", דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א,

סִימָן ה) חָמֵץ אִיז: "קוֹל פָּגוּם, חָכְמָה פְּגוּמָה", רֶעדְן אוּן טְרַאכְטְן שְׁמוּצִיג, אוּן מַצָּה אִיז: "קוֹל טוֹב, חָכְמָה טוֹבָה".

הָאבּ נִישְׁט קַיין דַאֲגוֹת, זָארְג נִישְׁט, וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה אוּן אַ רֵיינֶע פַּרְנָסָה.

יֶעצְט אַז דוּ פַארְצֵיילְסְט מִיר וָואס גֵייט פָאר בַּיי דִי מַצָּה בֶּעקֶערַיי, וִוי מֶען רֶעדְט בַּיי דִי הֵיילִיגֶע מַצּוֹת נִיבּוּל פֶּה, ווִיל אִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מַצָּה בֶּעקֶערַיי, וואוּ מֶען רֶעדְט נָאר פוּן אֱמוּנָה, אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד.

...

## וָואס נָאךְ קֶענֶען מִיר טוּן אַז דִי יְשׁוּעָה זָאל קוּמֶען?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'

עֶנְק הָאבְּן שׁוֹין גֶעטוּן אַזוֹיפִיל סְגוּלוֹת צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, עֶנְק הָאבְּן שׁוֹין גֶעמַאכְט אַזוֹיפִיל גוּטֶע קַבָּלוֹת אוּן עֶנְק פְרֶעגְן 'וָואס נָאךְ קֶענֶען מִיר טוּן אַז דִי יְשׁוּעָה זָאל קוּמֶען?'

אֵיין סְגוּלָה בְּלַייבְּט עֶנְק אִיבֶּער, וָואס דָאס וֶועט עֶנְק בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה, דִי סְגוּלָה פוּן "תּוֹדָה וְהוֹדָאָה", דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן.

בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם זָאלְן עֶנְק יֶעדְן טָאג אַוֶועקְגֶעבְּן אַבִּיסְל צַייט, אַפָּאר מִינוּט, אוּן אוֹיסְלוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט עֶנְק. רֶעכְנְט אוֹיס דִי חֲסָדִים אוּן לוֹיבְּט אִים אוֹיף דֶעם, זָאג: "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט, מַיין וַוייבּ אִיז גֶעזוּנְט", אוּן זִי זָאגְט: "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט, מַיין מַאן אִיז גֶעזוּנְט", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; דָאס עֶפְנְט אוֹיף דִי טוֹיעֶרְן פַאר נִיסִים גְלוּיִם.

...

## דֶער קָאנְקוּרֶענְט נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק דַיין גֶעלְט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

"אַרְבֶּעטְן אַרְבֶּעט מֶען פַאר דִי עֲבֵירוֹת, אוּן גֶעלְט גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּמְזִיסְט", אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט; גֶעלְט הָאט מֶען נִישְׁט מֶער אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין קָאנְקוּרֶענְט, מִמֵּילָא דַארְף דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז הָאַבְרֶךְ ... טוּט אוֹיךְ וָואס דוּ טוּסְט, וַוייל עֶר קֶען דִיר נִישְׁט צוּנֶעמֶען קַיין אֵיין פְּרוּטָה.

טֵייעֶרֶע בְּרוּדֶער, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן דֶעם דָאלֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין יג:): "כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה" זָאגְט רַשִׁ"י: "מִתְיַגֵּעַ לְהַעֲשִׁיר", מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי גֶעלְט, "שָׁעָה דּוֹחַקְתּוֹ", וֶוערְט מֶען צֶעדְרוּקְט, "וְכָל הַנִּדְחֶה מִפְּנֵי שָׁעָה", אוּן דֶער וָואס גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, אוּן מֶען אַרְבֶּעט פַאר דִי עֲבֵירוֹת, "שָׁעָה עוֹמֶדֶת לוֹ", וֶועט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

...

## גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט אַ סִידוּר

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאף אַז דִי זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט וֶוערְט דִיר בֶּעסֶער, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן גוּטֶע נֵייעֶס.

נֶעם זִיךְ פָאר דִי אֵיין זַאךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב - אִין שׁוּל, מִיט מִנְיָן, אוּן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט פַארְשְׁלָאפְן, אָדֶער פַארְשְׁפֶּעטִיגְט, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ מִנְיָן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, נָאר גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט אַ סִידוּר.

אִיךְ זָאג דִיר צוּ, דוּ וֶועסְט זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים, דוּ וֶועסְט זֶען יְשׁוּעוֹת.

שְׁרַייבּ מִיר צוּרִיק.

### הֶעלְפְן אַ מַאמֶע, אוּן זִי וֶועט קֶענֶען הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים אוּן יֶעצְט הָאט אִיר גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים.

הֶעלְפְט אַייעֶר מַאמֶע, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ הֶעלְפְן אַ מַאמֶע, אַייעֶר מַאמֶע אִיז זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר אוּנְזֶער קְהִילָה, זִי הֶעלְפְט דִי מוֹסָד מִיט זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן, אוּן אַז אִיר וֶועט הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב, אִיר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אַייעֶר מַאמֶע הֶעלְפְט דִי שְׁטֶעטְל - וֶועט אִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת אִין אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן אִין דִי קְהִילָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### לֶערְנְט נִישְׁט מִיט אַ כַּלָּה, נָאר אוֹיבּ דִי מַאמֶע בֶּעט עֶס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

זוּכְט אַייךְ נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, נֶעמְט נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען מִיט כַּלּוֹת אָן דִי רְשׁוּת פוּן דִי עֶלְטֶערְן; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ לֶערְנֶען מִיט אַ כַּלָּה אוּנְטֶער דִי עֶלְטֶערְנְ'ס רוּקְן. אַז אַ מַאמֶע רוּפְט אַייךְ בֶּעטְן צוּ לֶערְנֶען - זָאלְט אִיר לֶערְנֶען, אוּן אַז דִי כַּלָּה אַלֵיינְס רוּפְט, זָאלְט אִיר זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט בֶּעט דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן רוּפְן בַּאשְׁטֶעלְן.

מִיט וַוייבְּלֶעךְ אִיז שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, אַז אַ וַוייבְּל קוּמְט בֶּעטְן הִילְף, זִי ווִיל מֶען זָאל אִיר לֶערְנֶען ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְן אוֹיף דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - זָאלְט אִיר דָאס טוּן, אָבֶּער כָּל זְמַן מֶען אִיז נָאךְ אוּנְטֶער דִי עֶלְטֶערְן - זָאלְט אִיר וַוארְטְן דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן אַייךְ רוּפְן.

אִיר דַארְפְט נִישְׁט פְרֶעגְן יֶעדֶע מָאל בַּאזוּנְדֶער; אִיר לֶערְנְט נִישְׁט מִיט קַיין כַּלּוֹת נָאר אוֹיבּ דִי מַאמֶע רוּפְט אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**שְׂכַר לִימּוּד אַז מֶען צָאלְט, זֶעט מֶען בַּיי דִי קִינְדֶער נַחַת**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ט אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; וַוייל דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מִיט תַּכְלִית, אוּן דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

דֶער רֶבִּי הָאט גוּטֶע עֵצוֹת פַאר אוּנְז, מִיר דַארְפְן נָאר אוֹיסְהֶערְן אוּן פָאלְגְן - וֶועט אוּנְז גוּט זַיין בְּזֶה וּבַבָּא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען שְׁטַארְבְּט - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פוּס

אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס... דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַאְרוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶועןְ צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט', אָבֶּער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימוּד, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין שְׁפִּיל, שְׂכַר לִימוּד קוּמְט פַאר אַלֶעס. שְׂכַר לִימוּד אַז מֶען צָאלְט - זֶעט מֶען בַּיי דִי קִינְדֶער נַחַת, שְׂכַר לִימוּד אַז מֶען צָאלְט - אִיז מֶען מְקַיֵים דִי מִצְוָה פוּן (דְבָרִים ד, ט): "וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ", שְׂכַר לִימוּד קוּמְט פַאר אַלֶע צְדָקוֹת, פַאר וַואקַאצִיֶע, פַאר אַלְצְדִינְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אוֹיף פָארְאוֹיס אִיז שְׁוַוארְץ, אוֹיף צוּרִיק קֶען מֶען זֶען**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ט אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט גְרוֹיסֶע נִיסִים אַז מִיר קֶענֶען אָנְגֵיין, בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע. וֶוען אִיךְ קוּק אוֹיף פָארְאוֹיס - וֶוערְט מִיר מַמָשׁ שְׁוַוארְץ, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ וֶועל קֶענֶען וַוייטֶער צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, סַיי דָא אִין אַמֶערִיקֶע סַיי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער אַז אִיךְ קוּק אוֹיף צוּרִיק זֶע אִיךְ נִיסִים וְנִפְלָאוֹת, מַמָשׁ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְ'ן, דֶעם וָוארְט פוּן הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר טַייטְשׁ דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת לג, כג): "וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ וִויל זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן - דָאס קֶען מֶען נִישְׁט זֶען, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט צוּרִיק זֶעט מֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט עֶר: "וְרָאִיתָ, אֶת אֲחֹרָי" - קוּק אוֹיף צוּרִיק, קוּק וָואס פַאר אַ חֲסָדִים אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מִיט דִיר, וֶועסְטוּ מִיר זֶען; אָבֶּער "וּפָנַי, לֹא יֵרָאוּ"

- וָואס וֶועט זַיין? וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן דִי יְשׁוּעָה? דָאס וַוייסְט מֶען נִישְׁט און מֶען קֶען דָאס נִישְׁט זֶען פוּן פָּארְאוֹיס, נָאר מֶען דַארְף גְלֵייבְּן, וַוארְטְן, הָאפְן און בֶּעטְן.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף דִי וָואךְ שַׁבָּת וֶועל אִיךְ זַיין אִין יְשִׁיבָה, אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, שַׁבָּת שְׁקָלִים, שַׁבָּת מְבָרְכִים אֲדָר ב׳ - וֶועל אִיךְ זַיין אִין שְׁטֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**חַס וְשָׁלוֹם צוּ גֵיין צוּ דִי קַאנְצֶערְט בְּתַּעֲרוּבוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ט אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דִי קַאנְצֶערְט וָואס גֵייט זַיין קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וְכוּ׳; חַס וְשָׁלוֹם צוּ גֵיין צוּ דִי קַאנְצֶערְט, עֶס גֵייט זַיין בְּתַּעֲרוּבוֹת מֶענֶער און פְרוֹיעֶן, וִוי מֶעג מֶען גֵיין?! חַס וְשָׁלוֹם צוּ גֵיין צוּ דִי קַאנְצֶערְט. וִויפִיל צָרוֹת קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט צוּלִיב דֶעם וָואס מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם בְּתַּעֲרוּבוֹת, מֶען זִינְגְט אִינְאֵיינֶעם רַחֲמָנָא לִצְלָן, דִי גַאנְצֶע גְזֵירָה פוּן דִי צַייטְן פוּן מָרְדְּכַי און אֶסְתֵּר וָואס הָמָן הָרָשָׁע הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְ׳הַרְגֶ׳עֶנֶען כְּלַל יִשְׂרָאֵל - אִיז גֶעקוּמֶען וַוייל אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי קַאנְצֶערְט פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, וָואס אִיז גֶעוֶוען דָארְט עֲבֵירוֹת.

אַז דַיין וַוייבּ בֶּעט דִיר צוּ גֵיין - זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט קַיין צָרוֹת אִין לֶעבְּן, דוּ גֵייסְט נִישְׁט אוֹיף דִי פְּלֶעצֶער, און אַז זִי הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס, זִי זָאגְט זִי גֵייט אַלֵיין - זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, נָאר גֵיי אִין אַ לֵיידִיגֶע שׁוּל, עֶפְן דִי אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ און וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אַ רוּחַ טָהֳרָה אִין אִיר, און עֶנְק זָאלְן לֶעבְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף דִיךְ אַלֵיין?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ט אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אַזַא טֵייעֶרֶער אִיד, דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַזוֹי סַאךְ שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִיר אַלֵיינְס; אִיךְ הָאבּ מְבַרֵר גֶעוֶוען בַּיי דַיינֶע נָאנְטֶע, זֵיי זָאגְן מִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן אוּן דוּ בִּיסְט פוּל מִיט גוּטְס, נָאר אֵיין חִסָּרוֹן הָאסְטוּ, אֵיין שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ - אַז דוּ בַּארֶעדְסְט זִיךְ, דוּ הַאלְסְט נִישְׁט פוּן דִיר.

גֵיי צוּרִיק אִין חֵדֶר, גֵיי צוּ דִי קִינְדֶער, לֵייג אַרַיין אִין זֵיי אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם אוּן קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ; הַלְוַאי זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַז מֶען קוּמְט צַייטְלִיךְ, אִיז דֶער גַאנְצֶער טָאג גוּט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ט אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר, וִוי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט אוּן וִוי שֵׁיין דוּ פִירְסְט זִיךְ; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר.

שְׁטַארְק זִיךְ צוּ קוּמֶען צַייטְלִיךְ, בֶּעט דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן דִיר אוֹיפְוֶועקְן, אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען זַיין אִין יְשִׁיבָה צַייטְלִיךְ, וַוייל זְמַנִים אִיז דֶער יְסוֹד אִין הַצְלָחָה; אַז מֶען קוּמְט צַייטְלִיךְ, מֶען קוּמְט אִינְדֶערְפְרִי - אִיז דֶער גַאנְצֶער טָאג אַ גוּטֶע טָאג.

גֵיי שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ.
גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
...

**קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, לֶערְן נָאר וִויפִיל דוּ קֶענְסְט**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ט אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

וֶוער נִישְׁט צֶעדְרִיקְט פוּן דֶעם אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שְׁנֶעלֶע חִתּוּךְ הַדִּבּוּר אוּן עֶס נֶעמְט דִיר לֶענְגֶער צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, וֶוער נִישְׁט פוּן דֶעם צֶעדְרוּקְט, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, לֶערְן וִויפִיל דוּ קֶענְסְט, פְרֶעג דַיין מַגִּיד שִׁיעוּר עֶר זָאל דִיר אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר וִויפִיל דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אַסַאךְ, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיךְ גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרוּקְט פוּן דֶעם וָואס מֶען זֶעט אַז מֶען קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען אַזוֹי סַאךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כז): ״אַף עַל פִּי שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לִהְיוֹת זָרִיז גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד בַּעֲבוֹדַת ה׳, לְהִזְדָּרֵז מְאֹד בְּכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה לַעֲשׂוֹת הַרְבֵּה בַּעֲבוֹדַת ה׳, כִּי עִיקָר הוּא הָעֲשִׂיָּה, לִלְמוֹד הַרְבֵּה וְלַעֲשׂוֹת מִצְוֹת הַרְבֵּה, וּלְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן הַרְבֵּה, לִשְׁפּוֹךְ לִבּוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה שְׁאָר עִנְיָנֵי עֲבוֹדַת ה׳״, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ מוּז אַלְץ טוּן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען מוּז אַסַאךְ לֶערְנֶען, מֶען מוּז אַסַאךְ דַאוֶוענֶען אוּן טוּן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַנְדֶערֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, ״אַף עַל פִּי כֵן אַל תְּהִי נִבְהַל כְּשֶׁאַתָּה רוֹאֶה בִּסְפָרִים קְדוֹשִׁים עִנְיָנֵי עֲבוֹדוֹת הַרְבֵּה, אַל תְּהִי נִבְהַל מִפְּנֵי זֶה לֵאמֹר מָתַי אוּכַל לְקַיֵּים אַחַת מֵהֵנָּה מִכָּל הָעִנְיָנִים הַלָּלוּ, מִכָּל שֶׁכֵּן כּוּלָם״, דַארְף מֶען אָבֶער וִויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעדְרוּקְט וֶוען מֶען זֶעט אִין הֵיילִיגֶע סְפָרִים דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן אוּן טְרַאכְטְן ׳וֶוען וֶועל אִיךְ דָאס קֶענֶען טוּן?׳ ״כִּי צָרִיךְ לְבַל יִהְיֶה מְבֹהָל לַחֲטוֹף הַכֹּל בְּבַת

אַחַת", מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס כַאפְּן אִין אֵיין מָאל, מֶען דַארְף גֵיין צוּבִּיסְלִיךְ, "רַק לֵילֵךְ בְּנַחַת בְּהַדְרָגָה מְעַט מְעַט", מֶען גֵייט רוּאִיג, שְׁטַייטְלִיךְ, צוּבִּיסְלִיךְ, "וְלֹא שֶׁיְּהֵא מְבֹהָל וּמְבֻלְבָּל שֶׁרוֹצֶה לְקַיֵּים וְלַחְטֹף הַכֹּל בְּבַת אַחַת", נִישְׁט וֶוערְן אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי סַאךְ עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם אוּן דָאס אַלֶעס וֶועלְן מְקַיֵּים זַיין אוֹיף אֵיין מָאל, "וּמֵחֲמַת זֶה נִתְבַּלְבֵּל לְגַמְרֵי", דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל גָארְנִישְׁט טוּן.

"כְּמוֹ שֶׁיֵּשׁ בַּשְּׂרֵפָה חַס וְשָׁלוֹם שֶׁמֵּחֲמַת הַבֶּהָלָה חוֹטְפִין מַה שֶּׁאֵין צְרִיכִין", אַזוֹי וִוי וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַ פֵייעֶר חַס וְשָׁלוֹם, פוּן פַּארְלוֹירְנְקֵייט אוּן צֶעטוּמְלְטְקֵייט כַאפְּט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי פֵייעֶר נִישְׁט וִויכְטִיגֶע זַאכְן, "רַק צָרִיךְ לִנְהֹג בְּהַדְרָגָה בְּנַחַת מְעַט מְעַט", אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען דַארְף זַיין רוּאִיג אוּן טוּן נָאךְ אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל, "וְאִם לִפְעָמִים אֵין הָאָדָם יָכוֹל לַעֲשׂוֹת כְּלַל בַּעֲבוֹדַת ה', מַה לַּעֲשׂוֹת, אוֹנֵס רַחֲמָנָא פַּטְרֵיהּ", אוּן אַז מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן אוּן עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, טָאר מֶען זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט פַּארְלִירְן, "וְיַרְגִּיל עַצְמוֹ לִכְסֹף וּלְהִתְגַּעְגֵּעַ וּלְהִשְׁתּוֹקֵק תָּמִיד אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי הַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַכִּסּוּפִין בְּעַצְמָם הֵם דְּבָרִים גְּדוֹלִים מְאֹד וְרַחְמָנָא לִבָּא בָּעֵי", מֶען זָאל וַוייטֶער בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הָאפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אוּנְזֶער הַארְץ, מִיר זָאלְן הָאפְּן צוּ אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶנְדֶערְשׁ מַאכְן דִי הַאטְלֵיין וִוי לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ט אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ.

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי פְרַאגֶע? אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ מַאכְן דִי הַאטְלֵיין וִוי לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים; וַוייל וִויפִיל פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים

גְמָרָא קֶענְסְטוּ לֶערְנֶען אִין אֵיין שָׁעָה? מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען מֶער וִויפִיל מֶען קֶען אָנְקוּמֶען אִין אַ שָׁעָה, אָבֶער אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְלֵייגְן דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְן הַאטְלַיין "קוֹל בְּרֶסְלֶב", וֶועלְן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן בַּאקוּמֶען חִיזוּק אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען, וֶועסְטוּ הָאבְּן אִין אֵיין שָׁעָה הוּנְדֶערְטֶער פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן הוּנְדֶערְטֶער בְּלֶעטֶער גְמָרָא אִין אֵיין שָׁעָה.

דָאס אִיז וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ה', א): "הָעוֹסֵק בְּצוֹרְכֵי צִיבּוּר", וֶוער עֶס הֶעלְפְט אַנְדֶערֶע, "כְּעוֹסֵק בְּדִבְרֵי תּוֹרָה", אִיז דָאס גֶערֶעכְנְט וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה; וַוייל אַז מֶען אִיז מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, מֶען בְּלָאזְט אַרַיין אַ חַיוּת אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד אִין דִי וֶועלְט - לֶערְנֶען אַלֶע.

זֶע אַרוֹיפְצוּלֵייגְן יֶעדֶע וָואךְ אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן דִי שִׁיעוּרִים פַאר מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, אוֹיךְ דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע פְּרוֹיעֶן שִׁיעוּר, וַוייל הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער וַוארְטְן סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים, אוּן אַז דִי מְלַמְדִים, טִיטְשֶׁערְס אוּן מַאמֶעס - וֶועלְן לֶעבְן מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער פוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹר לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה, מִיט קְדוּשָׁה וְכוּ', אוּן מָשִׁיחַ קוּמְט.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רַבִּי'ן

מֹשֶׁה אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אַ בַּאנְדֶע גוֹיִם, שְׁקָצִים - הָאבְּן אִים אַרוּמְגֶענוּמֶען אוּן זֵיי טְשֶׁעפֶּען אִים, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטִילֶערְהֵייט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ פָּטוּר וֶוערְן פוּן זֵיי? דִי גוֹיִם טְשֶׁעפֶּען מִיר, זֵיי מַאכְן מִיךְ מְשׁוּגָע וָואס טוּ אִיךְ?"

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אִין בְּרֶסְלֶב מִיטְן נָאמֶען מֹשֶׁה, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן 'מֹשֶׁה בְּרֶסְלֶבְעֶר', אַמָאל פָּארְנְדִיג אוֹיף אַ שִׁיף הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט אַ בַּאנְדֶע גוֹיִם, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן זֵיי, אוֹיפְן שִׁיף אִיז נִישְׁטָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, דִי גוֹיִם הָאבְּן אִים מְשׁוּגָע גֶעמַאכְט, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעטְשֶׁעפֶּעט, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן זֵיי.

'אִיךְ הָאבּ אַן עֵצָה! אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן', עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן



אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, צוּבִּיסְלִיךְ זֶענֶען אַלֶע שְׁקָצִים פוּן אִים אַנְטְלָאפְן.

וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאט דִיר גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן פוּן דִי עֵצָה?" הָאט ר' מֹשֶׁה גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי נָתָן, וֶוען מֶען לֶערְנְט לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז דָאס אַ סְגוּלָה אַז אִין קֶבֶר זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען קַיין וֶוערֶעם, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז אוֹיךְ אַן עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְט אַז עֶס הֶעלְפְט".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.




# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכענטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**

IDEA. 8457769664